**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/8/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מוטיגט ניו יארקער צו שטיצן אנגייענדע הילף באמיאונגען נאכפאלגנדיג ערד ציטערניש אין טערקיי**

***גאווערנער שליסט זיך אן מיט CEO o'Chobani און גרונדער, האמדי אולוקאַיאַ, בעטנדיג פון ביזנעסער און פריוואטע מענטשן צו שטיצן די ערהוילונג***

***ניו יארק-באזירטע טערקישע פילאנטראפיע קאסע האט שוין פארטיילט 2 מיליאן דאלאר, אויפגעטריבן 10 מיליאן דאלאר פאר ערד ציטערניש הילף באמיאונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט די CEO און גרונדער פון די ניו יארק סטעיט-באזירטע עסנווארג פראדוצירער Chobani צו רופן אויף ניו יארקער צו שטיצן די קאמפיין נאכפאלגנדיג די ערד ציטערנישן וועלכע האבן באטראפן טערקיי און סיריע אום פעברואר 6.

"אונזערע הערצער ווייען פאר די קורבנות פון טערקיי'ס שרעקליכע ערד ציטערניש, און אונזערע געדאנקען זענען מיט די ניו יארקער וועלכע זעצן פאר צו באוויינען די פארלוסטן פון זייערע באליבטע איבערן ים", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט הילף באמיאונגען אונטערוועגנס, אפלאדיר איך די מיטגלידער פון ניו יארק'ס ביזנעס קאמיוניטי, ווי האמדי און זיין Chobani פאמיליע, וועלכע האבן זיך שוין אפגערופן צו העלפן די וועלכע זענען אין נויט, און איך מוטיג אלע ניו יארקער צו נעמען אין באטראכט צו אוועקגעבן פון זייער צייט אדער פארמעגנס צו שטיצן איבערלעבער אין סיי וועלכע וועג וואס זיי קענען נאר."

**גרונדער און CEO פון Chobani, האמדי אולוקאַיאַ, האט געזאגט,** "מיר קוקן צו אויף איינס פון די שרעקליכסטע קאטאסטראפעס אין די היסטאריע פון טערקיי און די ארומיגע ראיאן. עס איז ווינטער און קאלט. די געביידעס זענען איינגעפאלן, טייל מענטשן זענען אויפן גאס, און די צאל טויטפעלער איז געשטיגן צו אומבאגרייפליכע ציפערן. דאס איז מיין היימלאנד, און מיין הארץ איז צובראכן זעהענדיג מיינע ברידער און שוועסטער ליידנדיג פון אזא טיפע פארלוסט. ניו יארק האט א ספעציעלע פלאץ ביי מיר, עס איז די פלאץ וואו Chobani האט זיך געעפנט, און היינט איז עס מיין היים. איך ווייס אז ניו יארקער זענען פון די מערסטע בארעמהארציגע און רחמנות'דיגע מענטשן אין די גאנצע וועלט, און איך ווייס אז זיי וועלן זיך ארויפשארן די ארבל צו העלפן. הילף פעהלט יעצט אויס, און עס וועט פארזעצן צו זיין קריטיש אזוי ווי די ראיאן בויט זיך צוריק אויף. ביזנעסער האבן א פאראנטווארטליכקייט צו זיין טייל פון די לייזונג, צו ברענגען זייער שעפערישקייט, זייערע מיטלען און שטימעס צו שתדל'ן פאר די אלגעמיינע מענטשהייט. איך האב געבעטן פאר- און איך בין איבערגענומען פון- די ברייטהארציגקייט און מיטגעפיל פון די ביזנעס קאמיוניטי. האבן גאווערנער האקול זיך אנשליסנדיג מיט אונז פאר די צוועק – אזוי ווי זי האט וויליגערהייט געטוהן מיט אונז נאך פאריגע הומאניטארישע קריזיסן – מאכט אונזער מיסיע נאך אפילו שטערקער."

**עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט פון די ביזנעס קאונסיל פון ניו יארק סטעיט, פאול זובער, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט האט פילע קשרים מיט טערקיי, ארייינרעכענענדיג דורך ביזנעס. די ביזנעס קאונסיל שטיצט די אונטערנעמונגען פון די גאווערנער און ביזנעסער, און מיר ווילן מוטיגן יעדן איינעם וואס קען ארויסהעלפן מיט די אנגייענדע הילף באמיאונגען וועלכע זענען נויטיג דורכאויס די קריטישע צייט פון די ערהוילונג."

די געשאצטע צאל טויטפעלער פון די ערד ציטערנישן איז 47,000 מענטשן, רוב פון זיי אין טערקיי. די גרויסע ערד ציטערנישן און די קליינע 'עפטערשאקס' דערנאך האבן געשעדיגט איבער 200,000 געביידעס און געלאזט איבער צוויי מיליאן מענטשן אן א דאך איבערן קאפ.

די פאראייניגטע שטאטן האט ארגאניזירט הילף דורך USAID, די לעצטע נייעס ווערט פארעפנטליכט דא. ניו יארק סטעיט איז די היים פאר מער טערקישע מענטשן פון סיי וועלכע אנדערע סטעיט אין אמעריקע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן